ד. בהמשך להמדובר (בהמאמר) אז מקנה רב הי' לבני גד ובני ראובן, ובמילא האבן זיי געוואלט ארץ סיחון ועוג, און דעריבער האבן זיי געזאגט "ואנחנו נחלץ חשים לפני בנ"י גו'"; וועט מען מבאר זיין די רש"י אויף דעם.

אינעם פסוק ואנחנו נחלץ חשים (לב,יז), סטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "לפני בני ישראל", און ער זאגט: [אז זיי זיינען געגאנגען] "בראשי גייסות, [און ווי אזוי האבן זיי זיך געקענט ..שלאגן אויף גיין בראשי גייסות, זאגט רש"י] מתוך שגבורים היו, שכן נאמר בגד וטרף זרוע אף קדקד".

[און דערנאך איז רש"י ממשיך, אז דאס איז אלץ וואס זיי האבן געזאגט, פון וואנעט איז די ראי' אז משה האט דאס אנגענומען; אויף דעם זאגט ער:] "ואף משה חזר ופירש להם באלה הדברים ואצו אתכם בעת ההיא וגו', חלוצים העברו לפני אחיכם בני ישראל כל בני חיל".

[און רש"י איז ממשיך ווייטער, אז לפועל איז אויך געווען אזוי, ווארום:] "וביריחו כתיב והחלוץ עובר לפניהם, זה ראובן וגד שקיימו הנאם".

זיינען דא פאראן כמה דיוקים, נוסף אויף דעם וואס מ'האט שוין אמאל גערעדט, די שינויים פון מטות צו דברים; אז דא שטייט "ובראשי גייסות" און דארטן אין דברים שטייט "לפני ישראל"; און פארוואס דא בא אונז זאגט ער "מתוך שגבורים היו" און אין דברים זאגט ער "לפי שהיו גבורים"; ועוד כמה דיוקים - און ווי ס'האט זיך איצטער אויך אפגעדרוקט אין די לקוטי שיחות פון שבוע הבאה.
דא

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 355 הודפס ע"י א

דא איז ניט מובן:

(א) פארוואס דארף רש"י ברענגען "ואף משה הזר ופירש"? און אז בנוגע לפועל איז אויך געווען אזוי?

רש"י׳ס ענין איז דאך בלויז אפצוטייטשן דעם פשט פון פסוק. און וואס איז נוגע צום פשט פון "לפני בני ישראל" אז משה האט זיי אויך אזוי געזאגט, און אז ס׳איז געווען אזוי לפועל?

(ב) אפילו אז מ׳וועט סוין זאגן אז רש"י דארף ברענגען אז משה האט זיי אזוי געזאגט; אבער צוליב וואס דארף רש"י ברענגען אז דאס שטייט אין אלה הדברים – וואס איז דאס נוגע? ווארום רש"י איז דאך ניט רגיל שרייבן מראי מקומות, סיידן ווען ס׳איז דא א צורך צום פארשטיין פשט הכתוב. און ווי מ׳זעט פון <u>די</u> רש"י גופא, אז בנוגע יריחו ברענגט ער <u>ניט</u> אז דאס שטייט אין יהושע.

– און די קשיא האט נאך צו זיך א קלאץ קשיא –

(ג) פארוואס דארף דאס רש"י ברענגען פון אלה הדברים? אין אונזער פרשה גופא – אין פ׳ מטות – שטייט כמה פעמים אז משה האט זיי געזאגט "אם תחלצו לפני ה׳ וגו׳"; איז פארוואס ברענגט דאס רש"י פון אלה הדברים?

(ד) צוליב וואס דארף רש"י ברענגען (פון דברים) די גאנצע אריכות – ואצו אתכם בעת ההיא גו׳ כל בני חיל; רש"י האט געדארפט זאגן בקיצור אז משה פירש להם חלוצים תעברו לפני בנ"י.

(ה) פארוואס ברענגט רש"י אז דאס איז געווען ביריחו? למאי נפק"מ וואו ס׳איז געווען, צי אין יריחו, צי אין עי, צי אין אן אנדער מלחמה?

(ו) פארוואס דארף רש"י ברענגען א ראי׳ פונעם פסוק והחלוץ עובר לפניהם, וואס דאס שטייט אין יהושע (ו, פסוק י"ג; ער האט לכאורה געדארפט ברענגען א ראי׳ פון די פריערדיקע פסוקים; פון פסוק ז׳, אדער פסוק ט׳*)?

[וואס רש"י דארט׳ן (אין יהושע) שטעלט זיך אויף׳ן ווארט "והחלוץ" אין פסוק ט׳ – אבער ווי עס ווייזט אויס, שטעלט זיך רש"י אויף׳ן ערשטן פסוק – פסוק ז׳, נאר דער "בתור הזעצער" האט געמאכט א טעות].

דאס איז אלץ בנוגע די רש"י דא אף׳ן ארט. – וכפי שיתבאר לקמן וועט פארענטפערט ווערן אלע קשיות, ווי די אלע דיוקים זיינען מוכרח אין פשוטו של מקרא –. דערנאך איז שווער (ממקום אחר):

(ז) דא אין פ׳ מטות (און אזוי אויך בפ׳ דברים) זאגט רש"י בפשטות שגבורים היו. און אין רש"י בפ׳ ויגש (מז,ב) זיינען פאראן צוויי פשטים: דער ערשטער פשט זאגט אז די וועלכע כפל משה שמותם (בפ׳ וזאת הברכה) זיינען געווען די גבורים, שלפי"ז זיינען בני גד געווען פון די גבורים – און דערנאך זאגט רש"י: "זהו לשון ב"ר שהוא אגדת א"י, אבל בגמ׳ בבלית שלנו מצינו שאותן שכפל משה

---

*) ואין להקשות: מדוע (רש"י) אינו מביא הוכחה ממ"ש (יהושע ד,יב): "ויעברו גו׳ לפני בני ישראל", <u>שלפני</u> והחלוץ עובר לפניהם; כי – הרי שם מדובר בההעברה <u>בירדן</u> (אלא שהכוונ: למלחמה גו׳) וכדמוכח גם ממה שנא׳ <u>לאח"ז</u> גו׳ גו׳ ויעלו <u>מן הירדן</u>!

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 356 הודפס ע"י א

משה שמותם הם החלשים".

און אין פ' וזאת הברכה (לג,יח) זאגט רש"י בפשטות אז זיי זיינען געווען חלשים.

קומט אויס אז רש"י איז מפרש דריי פארשידענע פירושים:
א) אין פ' ויגש ברענגט רש"י צוויי דיעות, צי חלשים צי גבורים.
ב) דא אין פ' מסות, און אזוי אויך אין פ' דברים, נעמט אן רש"י אז זיי זיינען געווען גבורים. ג) אין וזאת הברכה נעמט רש"י אן בפשיטות אז חלשים היו.

און אין פ' ויגש גופא:

ס'איז דאך ידוע דער כלל, אז ווען רש"י ברענגט צוויי פירושים איז דאס ווייל יעדער איינער פון זיי (בפ"ע) איז ניט מספיק, און מ'דארף אנקומען צום אנדערן. [אבער פונדעסטוועגן, איז דער ערשטער נענטער צום פשט מער ווי דער צווייטער].

(ח) דארף מען פארשטיין פארוואס איז יעדער איינער פון די פשטים ניט גענוג, און מ'דארף אנקומען צום אנדערן.

(ט) אויך דארף מען פארשטיין, אריכות לשון רש"י. ווארום ער זאגט דארטן (בויגש) זייער א מאדנעם לשון, וואס אזא לשון געפינט מען ניט ערגעץ אין רש"י.

ער זאגט: "זהו לשון ב"ר שהיא אגדת א"י". דלכאורה דארף רש"י בכלל ניט ברענגען קיין מקורות, און דא זאגט ער אז ס'איז לשון ב"ר – איז שוין לכאורה גענוג? – איז ער מוסיף: "שהיא אגדת א"י". וואס איז דאס נוגע אז ב"ר איז אגדת א"י?

און דערנאך זאגט ער "ובגמרא בבלית שלנו".

וואס דארף ער זאגן "בבלית"? אויב ס'וואלט געשטאנען דער ווארט גמרא אליין (און ניט בבלית) וואלט שוין געווען גענוג, און מ'וואלט שוין געוואוסט אז מ'מיינט בבלי, ווארום ענין הנ"ל שטייט דאך ניט ערגעץ-וואו אין ירושלמי.

און דערצו זאגט ער נאך "שלנו"; וואס וויל ער מיט'ן ווארט "שלנו"?

דערנאך פירט אויס רש"י: "ובברייתא דספרי שנינו בוזאת הברכה כמו בגמ' שלנו".

דארף מען דא אויך פארשטיין:

פארוואס **דארף** ער זאגן <u>ובברייתא</u> דספרי? ס'וואלט געווען גענוג דער ווארט "ספרי" אליין?

און אזוי אויך: פארוואס זאגט ער "בוזאת הברכה"?

און ער לייגט נאך צו: כמו בגמ' <u>שלנו</u>. וואס דארף ער (נאכאמאל) זאגן "שלנו"?

– נאר מ'מוז זאגן אז דאס וואס רש"י זאגט אין פ' ויגש צוויי פירושים איז דאס מוכרח מצד הפשט [און איינער איז פאר'ן צווייטן ווייל ס'איז מער קרוב אל הפשט]. און אזוי אויך דאס וואס אין פ' מסות ובפ' דברים זאגט ער בלויז אז גבורים היו, און אין וזאת

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 357 הודפס ע"י א

אוצר החכמה

וזאת הברכה זאגט ער להיפך (בלויז דעם פשט פון חלשים), איז דאס אלץ מוכרח בהפשט.

וכפי שיתבאר לקמן.

און איצטער בנוגע די רש"י דא אין פ׳ מטות: [וואס וויבאלד מ׳לערנט דאך בפשטות, פארקוקט מען אויף ענינים הכי פשוטים!]

די רש"י גייט בהמשך צו די פריערדיקע רש"י;

וואס רש"י שטעלט זיך אויף ואנחנו נחלץ חושים, און איז מפרש, אז וואס איז דער טייטש נחלץ - נזדיין; און דער טייטש פון חושים איז "מהירים". און ער ברענגט אויף דערויף צוויי ראיות (פון ישעי׳); כמו מהר שלל חש בז. און - ימהר יחישה. [מאמר]

---

*) לשלימות הביאור - ראה שיחת ש"פ דברים.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 358 הודפס ע"י א

[מאמר המוסגר: ס'איז ידוע אז ווען רש"י ברענגט צוויי ראיות איז דאס ווייל איינע פון זיי איז ניט גענוג (דערפאר ברענגט ער די אנדערע), אבער אעפ"כ איז די ערשטע מער קרוב אל הפשט, (און דעריבער ברענגט דאס רש"י פריער).

דארף מען פארשטיין: פארוואס יעדער איינע פון די ראיות איז ניט גענוג, (און ער דארף האבן די צווייטע). ובפרט, אז די ערשטע ראי' ברענגט ער פון מהר שלל חש בז, און דערנאך ברענגט ער די ראי' פון ימהר יחישה, און (דער סדר הפסוקים) אין ישעי' שטייט פריער (אין קאפיטל ה' פסוק יט) דער פסוק ימהר יחישה, און שפעטער (ווייטער אין קאפיטל ח' פסוק א) שטייט דער פסוק מהר שלל חש בז - וואס כ"ז איז דורש ביאור בפ"ע.

- ע"כ מאמר המוסגר].

וואס רש"י מיינט דא צו מבאר זיין, ניט ווי מלמדים אין חדר טייטשן (בפשטות) אז נחלץ חושים מיינט: גייך פאראויס אין מיליטער. נאר דער פירוש איז, אז "נזדיין מהירים" - מ'וועט אנטאן די כלי נשק שנעל.

וכפירש"י אויף "החלצו" (לא,ג), אז ס'מיינט מזויינים,

און בהמשך צו דעם איז רש"י ממשיך אף לפני בני ישראל, אז ס'מיינט בראשי גייסות. און ניט אז דער פירוש איז אז דאס איז בהמשך (און איין עניך) צו דעם וואס זיי האבן ערשט געזאגט "נחלץ חושים" - אז מ'וועט אנטאן די כלי זיין די ערשטע (לפני בני ישראל - פאר די אנדערע אידן), נאר מ'מיינט דא א דריטע זאך.

ד.ה. אז דא זיינען פאראן דריי ענינים: א) נחלץ: נזדיין - אנטאן די כלי-זיין. ב) חושים: מהירים - מ'וועט אנטאן די כלי-זיין שנעל - די ערשטע. ג) לפני בני ישראל: מ'וועט גיין בראשי גייסות.

אבער פון וואנענט איז טאקע די ראי' אז לפני בני ישראל איז א דריטע זאך און אז ס'מיינט בראשי גייסות, אפשר גייט לפני בני ישראל אין איין המשך (און ס'איז אזוי) ווי פריער, און ס'מיינט נאר צוויי ענינים, אז נחלץ חושים - מ'וועט אנטאן כלי זיין שנעל, לפני בני ישראל - (און דאס וועט מען טאן) פאר אלע אידן,

ולכאורה איז אויך פאראן א ראי' אויף דעם פון די ווייטער-דיקע פסוקים, ווארום משה האט זיי געזאגט (צוויי-דריי מאל) אם תחלצו לפני ה' גו', כל חלוץ למלחמה לפני ה' גו', (און ניט לפני בנ"י), איז דאך א ראי' אז לפני בנ"י מיינט ניט בראשי גייסות, ווארום דער איבערשטער איז דאך אומעטום, (ובמילא איז דאך די גאנצע מחנה "לפני ה'"), איז דאך לכאורה פון דעם מובן, אז משה האט פארשטאנען אז דאס וואס זיי האבן געזאגט לפני בנ"י מיינט ניט לפני ה', און (ניט אז ס'מיינט בראשי גייסות, נאר) אז ס'איז בהמשך צו פריער (נחלץ חושים).

דעריבער ברענגט רש"י: ואף משה חזר ופירש להם באלה הדברים ווארום פון פ' מטות האט מען טאקע ניט קיין ראי', נאר דוקא פון "אלה הדברים", וואס דארטן שטייט קלאר אז זיי זיינען געווען בראש פון

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 359 הודפס ע"י א

פון אלע אידן, כמ"ש חלוצים תעברו לפני אחיכם בני ישראל;

און ער זאגט ניט אז משה "אמר להם" וכיו"ב, נאר "פירש להם" – אז ער האט מפרש געווען דאס וואס ער האט געזאגט (בפרשת מטות), לפני ה׳ אז דאס מיינט (אויף זייער נוסח) לפני בנ"י.

אבער מ׳קען נאך אלץ זאגן, אז דוקא דארטן (בפ׳ דברים) האט ער זיי אזוי געזאגט, משא"כ דא אין פ׳ מטות, וואס ער האט געזאגט "לפני ה׳" האט ער ניט דאס געמיינט?

אויף דעם ברענגט רש"י אויך דעם תחילת הפסוק, וואס ער זאגט: ואצו אתכם בעת ההיא, אז אין פ׳ דברים האט ער זיי געזאגט אז בעת ההיא – אין פ׳ מטות האט ער זיי דאס אנגעזאגט, [ובמילא מובן, אז אויך דאס וואס זיי האבן געזאגט נחלץ חושים לפני בנ"י, מיינט בראשי גייסות].

אבער לאחר כ"ז קען מען נאך פרעגן: מ׳קען טאקע אויסטייטשן זייערע ווערטער אין צווייען – און אה"נ, משה (ווען ער האט געזאגט לפני אחיכם בנ"י) האט טאקע געמיינט אז זיי זאלן גיין פאר אלע אידן; אבער פון וואנענט איז די ראי׳ אז די בני גד ובני ראובן, ווען זיי האבן געזאגט "ואנחנו נחלץ חושים לפני בנ"י", איז דאס דער פשט פון די ווערטער (כאן – שזהו עינינו דרש"י כאן), היינו אז זיי האבן דאס געמיינט?

נאכמער: אפילו לאחר וואס משה האט דאס געזאגט, פון וואנעט איז די ראי׳ אז זיי האבן דאס אנגענומען?

איז אויף דעם בדענגט רש"י די ראי׳ (פון יהושע) אז אזוי איז אויך געווען לפועל, ווי ס׳שטייט: והחלוץ עובר לפניהם.

און רש"י איז מוסיף די ווערטער "ובירחו כתיב" ווארום דאס איז א ראי׳ נוספת צו זייך פירוש אז זיי זיינען געגאנגען פאר די אנדערע; ווארום דארטן – אין ירחו – קען מען ניט זאגן אז זיי וועלן אנטאן די כלי זיין "לפני בני ישראל", ווארום ירחו האט מען דאך איינגענומען (ניט דורך מלחמה נאר) דורך׳ן ארון הבריח, דורך ארומרינגלען די שטאט, און די שופרות, ובמילא איז דאך קיין חילוק ניט צי מ׳האט אנגעטאן די כלי-זיין פריער צי שפעטער, וויבאלד דער גאנצער ענין פון כלי-זיין איז ניט נוגע, ס׳איז לא מעלה ולא מוריד, (נאר צו ויחרימו – נאך דער מלחמה); משא"כ אויב ס׳רעדט זיך ווענן ראשי גייסות איז דאך א חילוק צי זיי זיינען אריין אין שטאט פריער צי שפעטער.

עפי"ז איז אויך מובן דאס וואס רש"י פירט אויס: זה ראובן וגד קיימו תנאם; דלכאורה נאך וואס דארף דאס רש"י צולייגן? והביאור: דאס וויל רש"י מדגיש זיין, אז זיי האבן (ניט מקיים געווען משה׳ס תנאי, נאר) קיימו תנאם – זייער תנאי, אז דאס האבן זיי (געמיינט ווען זיי האבן) געזאגט ואנחנו נחלץ חושים.

און דאס וואס רש"י ברענגט פון יהושע דעם (שפעטערדיקן) פסוק: והחלוץ הולך לפניהם, מיינט ער באמת די פריערדיקע פסוקים, און ווי ס׳שטעלן זיך טאקע די חוקרים פון כתבי-יד, אז ס׳ניטא אזא פסוק; אדער ס׳שטייט "והחלוץ הולך לפניהם", אדער "עובר", און דעם ווארט "לפניהם".

[וגם

הנחה הח׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ״ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 360 הודפס ע״י א

[וגם מקשים ע"ז א טייל מפרשים, און זיי ווילן מאכן א גדייז אין רש"י סצ"ל "ההולך" - וגם אז נשארה הקושיא חזקה הנ"ל, ווארום ער האט געדארפט ברענגען פונעם פריערדיקן פסוק, (ט׳, או ז׳), - וכפרש"י עצמו ביהושע.]

נאר דאס וואס ס׳שטייט (אין רש"י) "והחלוץ הולך לפניהם", איז דאס באמת א טעות פון דעם "בחור-הזעצער", ווארום ער האט געזעהן אין כת"י רש"י (ובכמה דפוסים) אז ס׳שטייט "והחלוץ עובר לפניהם" (ולא הולך), און ער ווייס אז ס׳ניטא אזא פסוק, און ער ווייס אויך אז ס׳שטייט "והחלוץ יעבר לפני ארון ה׳", אדער "והחלוץ הולך לפני הכהנים", און "והחלוץ הולך לפניהם", וממילא האט ער געטראכט: וויבאלד ס׳איז ניטא קיין פסוק "והחלוץ עובר לפניהם" (ווי רש"י ברענגט), וועט ער "פאריכטן", און ער האט געשריבן והחלוץ הולך לפניהם. אבער באמת דארף שטיין "והחלוץ עובר לפניהם", (וכ"ה בבחיי מסות לב,לב), און רש"י מיינט טאקע די פריערדיקע פסוקים, ז׳ און ט׳, (אעפ"י ס׳שטייט ניט אזוי אין פסוק).

און ס׳איז קיין קשיא ניט פארוואס רש"י ברענגט ניט דעם לשון הפסוק, ווארום - כאמור כמה פעמים - בשעת רש"י ברענגט א מארז"ל, א גמ׳, אדער א פסוק, איז ער ניט מחויב מעתיק זיין דעם לשון, [און ער ברענגט בלויז דאס וואס איז נוגע צום פשט].

עד"ז דא, ברענגט רש"י דעם ענין וואס שטייט דארטן אין די פסוקים - ניט ער וויל מעתיק זיין לשון הכתוב - וכוונתו ל(כל הפסוקים מתחיל מ)פסוק ז׳ - און ער כאפט אן דעם לשון "עובר" וויילע אין די פסוקים דא, שטייט כמה פעמים אט-דער לשון, (און ווי ס׳שטייט אין (קאפ׳ לב) פסוק כ"א "ועבר לכם כל חלוץ גו׳"). און דעריבער ברענגט רש"י דעם לשון "עובר".

וכמו"כ אין פ׳ חוקת, איז דאס אויך א טעות פון דעם "בחור הזעצער" - וכפי שיתבאר לקמן.

איצטער וועט מען זיך אומקערן צוריק צו אונזער רש"י אין מטות: וואס מ'האט געפרעגט די שאלה בנוגע דעם וואס רש"י אין פ' ויגש ברענגט בנוגע גד צוויי דיעות צי גבורים צי חלשים; און אין פ' מטות ודברים נעמט רש"י אן בפשיטות אז זיי זיינען גבורים; און אין פ' וזאת הברכה ברענגט רש"י בפשיטות אז זיי זיינען געווען חלשים.

איז דער ביאור אין דעם: בכל מקום איז מוכרח דאס וואס רש"י איז מפרש.

אין פ' ויגש שטעלט זיך רש"י אויף "ומקצה אחיו": וואס במילא איז פארשטאנדיק אז ס'מיינט די חלשים, ווארום די גבורים האט ער דאך ניט געוואלט שטעלן פאר פרעה'ן, ווייל ער האט דאך ניט געוואלט אז מ'זאל זיי נעמען אין מיליטער.

פון וואנענס ווייס מען וועלכע זיינען די גבורים און וועלכע די חלשים; איז וועגן יהודה ווייס מען שוין אז ער איז געווען א גבור, ווארום ער האט זיך שטארק איינגעשטעלט פאר בנימין, און ער האט צוגעבראכט אז "לא יכל יוסף להתאפק", און "והקלל נשמע בית פרעה". בנוגע בנימין (חסר הראי').

שמעון – איז דאך ידוע אז ער איז געווען א גבור. פון וואנענס ווייס מען ווער נאך איז געווען בדומה לו; קען מען דאס זעען פון די וואס בא זיי שטייט די זעלבע לשונות ווי בא יהודה. וואס זיי זיינען די וועלכע כפל שמותם בוזאת הברכה (זיי זיינען די גבורים).

מען קען אבער זאגן פארקערט: אז די וועלכע כפל שמותם זיינען געווען חלשים (און דאס וואס ער איז כופל בא יהודה איז דאס ניט מצד חלישות, נאר מחמת אן אנדער טעם). משא"כ בוזאת הברכה איז מסתבר פארקערט, (כדלקמן).

בשעת ס'קומט דא אין פ' מטות, איז דאך מסתבר אז זיי זיינען געווען גבורים, ווארום אויב ניט, ווי שלאגן זיי זיך אן אז

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 363 הודפס ע"י א

אז נחלץ חושים לפני בנ"י; [און מ׳קען ניט זאגן אז דאס איז מצד ברכת משה, ווארום ער האט דאך זיי ערשט געבענטשט שפעטער, און זיי האבן דאך נאך ניט געוואוסט פון דעם. און משה אליין האט אויך ניט געוואוסט, ווארום די ברכה איז דאך געווען לפני מותו דוקא, און דאך (בפ׳ מטות) האט ער נאך געטראכט אז זיין תפלה וועט העלפן, און ער וועט אריינגיין אין א"י.

און אפילו אין פ׳ דברים וואס דאן האט שוין משה געוואוסט אז ער וועט ניט אריינגיין קיין א"י, ווארום פ׳ דברים האט ער דאך אנגעהויבן זאגן בר"ח שבט, נאך דעם וואס "ואתחנן אל ה׳ בעת ההיא" און דער אויבערשטער האט אים געזאגט "אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה", איז אבער שווער צו זאגן אז דאס וואס משה האט זיי געזאגט חלוצים העברו לפני אחיכם איז געווען מצד דעם וואס ער האט זיך פארלאזט אויף זיין ברכה],

ובמילא זאגט ער בפשיטות ווי דער ערשטער פשט אין פ׳ ויגש, אז גבורים היו.

בשעת ס׳קומט אבער אין פ׳ ברכה, איז דארטן ניט מוכרח אז גבורים היו פון דעם וואס כפל שמותם.

ואדרבה, מ׳קען בכלל ניט ברענגען קיין ראי׳ פון כפל שמותם, ווארום ס׳איז לאו דוקא אז משה האט כופל געווען שמותם; נאר די תורה זאגט "וזאת ליהודה" - אז בשעת ער איז געקומען בענטשן יהודה׳ן, האט ער געזאגט "שמע ה׳ גו׳", ד.ה. אז דער פסוק זאגט אז משה האט צו עם גערעדט, אבער ניט אז משה האט כופל געווען שמותם ווען ער האט זיי געבענטשט, (ואדרבה, ס׳ווערט א קשיא: פארוואס בא די אנדערע שבטים שטייט ניט צוויי מאל זייערע נעמען).

ובמילא איז ניט קיין ראי׳ פון דעם וואס כפל שמותם אז גבורים היו, ומשו"ז לערנט ניט רש"י אין וזאת הברכה אז גבורים היו (וכמשי"ת לקמן).

מ׳דארף נאך אבער פארשטיין: וויבאלד אז פון פ׳ מטות און פרשת דברים איז מוכח אז גבורים היו, ווי לערנט רש"י אין פרשת ויגש אויך א פירוש - און נאך דעם פירוש העיקרי - אז חלשים היו?

מ׳קען ניט זאגן (אזוי ווי אנדערע מפרשים ווילן זאגן) אז אין איין ארט איז מוכרח פשט זה בפשטות הכתובים, און אין א צווייטן ארט איז משמע אנדערש. - קען מען אזוי ניט זאגן, ווארום עס לייגט זיך ניט בא א בן חמש למקרא (און כ"ש בא אן עלטערן) אז פשט הכתובים זאלן זיך סותר זיין.

נאר עס קען זיין, אז אמאל זאל רש"י ברענגען צוויי פירושים, און דערנאך זאל ער ברענגען בלויז לויט איינע פון די פירושים, ווייל: (א) ברובא דרובא, ווע, רש"י ברענגט בלויז איין פירוש איז עס ווייל לפי פי׳ זה איז עפעס שווער, און רש"י וויל דאס באווארענען, (משא"כ דער צווייטער פירוש - איז גלאטיק, און ס׳איז מובן בפשטות). (ב) לפעמים איז דאס מצד דעם ווייל (במקום זה) איז מער משמע ווי דער פירוש. וכבנדו"ד, אז אין פ׳ מסות און פ׳ דברים איז רש"י מפרש לויטן צווייטן פירוש שבפ׳ ויגש, ווייל אין די סדרות איז מער מכמע אזוי.

דאס מיינט אבער ניט אז פון דאנענט איז מוכרח כפירוש זה דוקא

הנחה הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 364 הודפס ע"י א

דוקא, און מען קען אויך דא מסביר זיין לויטן פירוש שחלשים היו. ווייל אין פרשת ויגש רעדט זיך וועגן די בני יעקב, און אין פרשת מסעות ופ׳ דברים רעדט זיך וועגן די שבטים, יוצאי חלציהם של בני יעקב. ובמילא איז עס קיין סתירה ניט, ווארום יש לומר אז די שבטים האבן ניט געהאט די זעלבע תכונות ווי די בני יעקב. ווארום מצד דעם וואס זיי האבן חתונה געהאט איין שבט מיט׳ן צווייטן, במילא קען זיין אז די בני יעקב זיינען געווען גבורים, אבער די קינדער (איינקלעך, אור-איינקלעך, וכו׳) זאלן זיין געראטן אין זייערע מוסרים, און ווי רש"י זאגט אין פ׳ תזריע (בתחילתו), און אויך בפ׳ ויגש (מו,טו) אז תלה הזכרים בנקבות וכו׳, (וועלכע זיינען געווען פון א שבט שהיו חלשים), ובמילא זיינען זיי אויך געווען חלשים.

ז. צוריק בנוגע די רש"י אין פ׳ חוקת, וואס רש"י ברענגט בלויז איין מאל נחש - וכי נחש ממית או מחי׳ וכו׳; איז דאס אויך א טעות פון דעם "בחור הזעצער", און באמת איז טאקע געשטאנען אין רש"י צוויי מאל דער ווארט נחש, (כמ"ש בהמשנה), האט דער"בחור הזעצער" זיך מיישב געווען: אויף וואס דארף מען האבן צוויי מאל נחש, ס׳גענוג איין נחש; האט ער ארויסגענומען א נחש! - און אין דעם ערשטן דרוק פון רש"י שטייט טאקע צוויי מאל נחש.

ס׳איז נאך געבליבן דער ענין דער וואס רש"י אין ויגש זאגט דעם מאדנעם לשון "אגדת א"י וכו׳".

והביאור - ובהקדם: דאס וואס כפל שמותם קען זיין אויף צוויי אופנים: (א) כפל שמותם כדי לחזקם, וואס דאס איז שייך זאגן אויף חלשים, (ב) אבער בנוגע גבורים איז דער ענין פון כפל שמותם ע"ד "ואגדלה שמך", אז דער ענין השם ווייזט אויף חשיבות - שמעו הולך בכל המדינות, אז ער האט אן ארט, און מ׳רעכנט זיך מיט עם.

[ובמילא מובן ג"כ: אז וויבאלד ע"י הדרך דארף דאך זיין "ממעטת את השם" - ער האט ניט קיין מקום וחשיבות, איז אויף דעם זאגט דער אויבערשטער אז "ואגדלה שמך"],

עד"ז איז אויך דא, וואס מ׳זאגט אז כפל שמותם - אז משה איז בעגאנגען בענטשן א שבט וואס עד איז פון די גבורים, האט זיך געהערט אז משה גייט זיי בענטשן; וע"ד ווען משה איז געגאנגען בענטשן שבט יהודה, האט געקלונגען אין גאנץ מחנה ישראל אז משה גייט זיי בענטשן!

קומט אויס: אז לויט׳ן פירוש אז די וואס כפל שמותם זיינען געווען די חלשים, און הוצרך לכפול שמותם בכדי לחזקם, הייסט דאס אז משה האט כופל געווען שמותם, אבער לויט׳ן פירוש אז די וואס כפל שמותם זיינען געווען די גבורים, (און דאס וואס כפל, איז ניט כדי לחזקם), קומט אויס אז ניט משה האט כופל געווען שמותם, נאר דער פסוק (וכנ"ל) - און דאס איז תלוי אין דעם חילוק פון דעם בבלי וירושלמי;

און דאס איז גאר אין סדר נזיקין, אין מס׳ בבא-קמא אין אנפאנג: דארפן פרעגט די גמ׳ (ו,ב) אויף דעם וואס עס שטייט אין דער משנה "וכשהזיק חב המזיק לשלם תשלומי נזק"; - חייב מיבעי לי׳; און

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 365 הודפס ע"י ת

און די גמ׳ ענטפערט אז: "האי תנא ירושלמי הוא, דהני ליענא קלילא".

זעט מען דערפון, אז דער דרך הלימוד פון ארץ ישראל, (ווארום ירושלמי מיינט דא ניט דוקא ירושלים, נאר גאנץ א"י, וע"ד תלמוד ירושלמי, אז דאס מיינט פון גאנץ א"י), איז אז מען זאגט זייער קורץ, און אפילו אז מ׳קען פארשפארן צוויי אותיות, פארשפארט מען דאס אויך - אבי ניט מאריך זיין. משא"כ דרך הלימוד אין בבל.

ובמילא: בא אגדת א"י - לייגט זיך ניט אפ אנדערש, און מען האלט אז משה האט זיך זיכער געפירט ווי אן ארץ-ישראל׳דיקער איד, און מה-דאך אז מ׳קען פארשפארן צוויי אותיות, פארשפארט מען, איז דאך זיכער אז אויב מ׳האט געקענט פארשפארן ווערטער, האט ער זיכער פארשפארט. און ער האט ניט כופל געווען שמותם, וויבאלד אז דורך א קורצע תפילה קען מען אויך פועל׳ן; ווי מ׳געפינט בא מרים, אז ער האט נאר געזאגט א תפילה פון פינף ווערטער - "א-ל נא רפא נא לה"; איז פארוואס זאל ער דא מאריך זיין.

און דעריבער לערנט ער אין ספרי (וואס דאס איז אגדת א"י), אז די וואס כפל שמותם זיינען געווען די גבורים, און משה האט טאקע ניט כופל געווען שמותם, נאר - שמו הולך לפניו, אז משה גייט בענטשן דעם שבט.

משא"כ גמ׳ בבלית שלנו (וואס בבלי איז דאך מאריך אויב ער קען עפעס באווארענען מיט די אריכות), לערנט אז די וואס כפל שמותם זיינען געווען די חלשים, און משה האט טאקע כופל געווען שמותם כדי לחזקם, ואעפ"י אז ס׳געניג מיט א קורצע תפילה אויך, אבער פונדעסט-וועגן, וויבאלד אז מ׳קען זאגן אז משה האט מער מתפלל געווען, פאר-וואס זאל מען אזוי ניט זאגן!

דאס איז אויך וואס רש"י ברענגט "ובברייתא דספרי בוזאת הברכה שנינו כמו בגמ׳ שלנו":

אלץ וואס ס׳שטייט אין דער ברייתא איז דאך ערגעץ וואו מרומז אין א משנה, ווארום אויב ניט איז "רבי לא שנה חייא מנין". נאר דער ענין פון ברייתא איז, אז אט-די ענינים וועלכע שטייען אין משנה בקיצור וברמז, שרייבט די ברייתא דאס ארויס בגלוי, בפרטיות, ובאריכות, (און ס׳באגנוגנט זיך ניט מיט דעם וואס עס שטייט אין משנה ברמז); איז דאס זאגט רש"י אז אין ברייתא שטייט אויך אזוי ווי אין בבלי, (אז זיי זיינען געווען חלשים, און משה כפל שמותם כדי לחזקם יותר).

(דאס וואס רש"י איז מדגיש "בגמ׳ בבלית שלנו" ("בגמ׳ שלנו"): איז דאס ווייל אין דקדוקי סופרים ברענגט ער א פארקערטע גירסא ווי רש"י ברענגט; איז אויף דעם זאגט רש"י דעם ווארט "שלנו", אז אין אונזער גירסא (אין די גמ׳ וועלכע מיר האבן - "שלנו"), שטייט אזוי. - אינו ברור).

און דאס וואס רש"י זאגט "ובברייתא דספרי בוזאת הברכה" - איז דער ביאור: מצד דעם וואס דאס שטייט אין "וזאת הברכה" איז מער מסתבר צו זאגן אז אלץ וואס שטייט דארטן האט א שייכות מיט ענין הברכה. וואס דערפאר איז דאך בעסער צו זאגן אז משה כפל שמותם מחמת דעם וואס זיי זיינען געווען חלשים, ובכדי לחזקם, אז

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 366 הודפס ע"י א

אז ס'געוועץ בא זיי מער ברכה.

און דערנאך איז געבליבן דער ענין פון יינה של תורה אין רש"י - וכפי שיתבאר לקמן.

ח. דער ענין אין יינה של תורה:

ס'זיינען פאראן מפרשים וואס זאגן אז דער טעם פארוואס ראובן וגד האבן געהאט א סך שאף איז:

בנוגע ראובן: וויבאלד בא יעקב איז דאך געווען א סך מקנה, און ראובן איז דאך געווען א בכור, האט ער דאך במילא גע'ירש'נט פי-שנים, צוויי מאל וויפל די אנדערע ברידער; איז דעריבער לאחר כמה דורות אויך געווען ביי ראובן'ס אייניקלעך וכו' א סך שאף.

און בנוגע גד: איז משמע פון זהר - אז זיי האבן מחבב געווען דעם מן, און דערפאר שטייט והמן כזרע גד הוא; און וויבאלד זיי האבן דאס מחבב געווען, ולא אכלו שאר מאכלים אפילו בשר צאנם ובקרם, איז דעריבער בא זיי געווען מקנה רב.

און דאס האט שפעטער צוגעבראכט אז זיי האבן געזאגט "ואנחנו נחלץ חושים לפני בנ"י" - און בשייכות צו דעם ברענגט רש"י וואס שטייט אויף גד: וטרף זרוע אף קדקד.

זאגט דער רא"ש אין זיינע הלכות, (הלכות קטנות הל' תפלין סט"ו), אז דורך דעם וואס מ'איז מקיים מצות תפלין ותיקונן, ווערט בא די אנשי המלחמה נתקיים וטרף זרוע אף קדקד.

איז מובן פון דעם רא"ש אז בני גד האבן געהאט מער שייכות צו מצות תפלין (אפילו במדבר קודם שנכנסו לארץ. ויש להאריך בזה, ואכ"מ) וואס מחמת דעם איז בא זיי געווען וטרף זרוע אף קדקד*. דער ביאור השייכות:

דער זהר (ח"ג רס"מ רנד,ב. ואתחנן רסב,ב) זאגט אז אויף תפלין איז פאראן א שי"ן מיט ג' קעפלעך און א שי"ן מיט ד' קעפלעך (שי"ן דתלת ראשין ושי"ן דארבע ראשין דתפלין כו') - וואס צוזאמען איז דאס ג-ד, און אין איין ווארט איז דאס "גד".

- וואס מ'געפינט דאס ניט במקום אחר; אין א ספר תורה שרייבט מען ניט אזוי, ואדרבה, אויב מ'האט געשריבן א שי"ן מיט ד' קעפלעך, איז דאס פסול, דאקעגן בא דעם בית פון תפלין איז מצותה בכך. -

ועד"ז איז אויך פאראן וואס דער אלטערבי ברענגט אין סדור (שער התפלין) אז בחי' המוחין שבתפלין - איז דאס בתחילה, ג' מוחין און דערנאך (איז פאראן וואס דעת טיילט זיך אויף צווייי) ד' מוחין - איז דאס אויך ג' און ד' - גד. וואס דאס איז אלץ אויף איין תפילה - אין איין ווארט.

אלע ענינים בגשמיות זיינען דאך א דוגמא פון רוחניות - עלמא עילאה כגוונא דעלמא תתאה; וכידוע תורת הה"מ אויף "דמות כמראה

---

*) וכמפורש בבחיי ס"פ מטות וז"ל: "כי היו בטוחים בגבורתם וכחם בזכות המצוה שבידם, וכענין שדרשו רז"ל וטרף זרוע בזכות תפלין שבזרוע אף קדקד בזכות תפלין שבראש". (וראה שיחת ש"פ דברים).

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

כמראה אדם עליו מלמעלה", אז אט-די תנועה וואס א מענטש ווייזט דא למטה, פירט מען זיך אזוי מיט עם מלמעלה. און ווי ער זאגט אין זהר - תצוה (קפד,ב) אז ווען מ'ווייזט מלמעלה אנפין נהירין - שמחה, ד.ה. אז ער ווייזט א פנים פון בטחון ועשירות וכו', איז די הנהגה מלמעלה (מיט עם) אוין אזוי. און ער זאגט אויף דעם דארטן אין זהר דעם לשון "תא חזי", אז מ'קען דאס זעהן בעיני בשר, און ווי מ'האט פוין אמאל גערעדט בזה.

וכידוע הסיפור פונעם אלטן רבי'ן מיט'ן צ"צ, אז דער אלטער רבי האט געהערט ווי דער צ"צ דאוונט מעריב מיט א ניגון שיש בו משום מרה שחורה, האט ער צוגעווארט ביז נאך'ן דאווענען און ער האט עם געזאגט ענין הנ"ל, און אויך דעם זהר פון תצוה, און אז כמים הפנים לפנים כן לב אדם לאדם - און ווי שוין געדרוקט אין מאה שערים (יז,ב).

ועד"ז שטייט אין לקו"ת - נצבים (מה,ג), בנוגע תמים תהי' עם הוי' אלקיך - אז וויבאלד בא א מענטשן זיינען פאראן רמ"ח אברים ושס"ה גידים, איז דורך דעם וואס ער איז "תמים" אין די רמ"ח מ"ע און שס"ה ל"ת, פועל'ט ער דעם ענין (התמימות) אויך למטה - בגשמיות, אין געזונט וכו'.

וכמו"כ בשעת מ'גייט במלחמה מיט בטחון גמור אז ס'וועט זיין הוי' צלך על יד ימינך, גיט מען עם דאס טאקע מלמעלה און מען איז זיכער אז מ'וועט מנצח זיין.

און אזוי אויך בכדי צו פועל'ן דעם וטרף זרוע אף קדקד - בגשמיות, דארף דאס זיין ברוחניות.

והענין הוא: אז מ'גייט במלחמה זיינען פאראן צוויי ענינים בכללות: א) וואס מ'דארף אנפאלן אויף'ן שונא. ב) וואס מ'דארף זיך באשיצן פונעם שונא - טאמער ער וועט אנפאלן - ענין המגן.

[ווי די משנה אין שבת (סג,א) רעכנט אויס די כלי זיין: לא יצא האיש לא בסייף וכו' ולא בתריס (במגן) כו' ולא ברומח וכו'; וואס דאס זיינען די צוויי ענינים - רומח: מיט וואס מען פאלט אן. און מגן].

וואס מיט'ן רעכטן האנט - וויבאלד ס'איז שטארקער - פאלט מען אן. און דער מגן איז אין די לינקע האנט, וואס דאס איז די זרוע - (נזיר ג,ב. ולהלכה שו"ע יו"ד סי' רל"ז סעי' ח'). [און יד - וואס ווייזט אויף כח - איז די רעכטע האנט, מיט וועלכע מ'פאלט אן אויף'ן שונא].

און דער סדר איז: בתחילה דארף מען אפהאקן דעם שונא'ס זרוע - די לינקע האנט, וואו ס'געפינט זיך דער מגן, ער זאל זיך ניט קענען באשיצן. און דערנאך אויך דעם קדקד - די קאפ.

און בא די בני גד איז געווען א דבר פלא, אז די ביידע ענינים זיינען געווען בצוזאמען.

און דאס וויל רש"י ארויסבדענגען - דלכאורה וואס דארף רש"י זאגן אז ס'געווען "טרף זרוע אף קדקד"; ס'דאך גענוג אז ער זאגט אז "גבורים היו"? נאר דאס קומט ער זאגן, אז בא זיי איז דאס געווען בבת אחת. - און דאס איז דער דיוק: טרף זרוע אף קדקד.

און

הנחת הת' בלהי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 368 הודפס ע"י א

און דאס איז געווען אזוי בגשמיות ווײַלע עבודתם ברוחניות איז געווען אזוי; מס"נ, למעלה מטו"ד, למעלה מהשתלשלות, וואס יעמולט קומען בײדע צוזאמען.

בעבודה לפועל איז דאס:

"מעשה" איז דער ענין הזרוע, וצ"ל כנגד הלב - הרגש, מדות; און קדקד איז דער ענין המוחין, שכל והשגה. ובכדי צו פועל'ן אויף השגה דארף פריער זײַן מעשה, דערנאך לב, און ערשט דערנאך מוחין (וכמבואר בכ"מ אז פריער דארף זײַן די עבודה פון מעשה, נה"י, דערנאך מדות, און ערשט נאכדעם די (הויכע) עבודה פון נשמה).

בא די בני גד אבער איז אלץ געווען צוזאמען, ווארום דורך זײַער מס"נ האבן זײ' דערגרייכט צו די בחינה וואס איז העכער פון התחלקות, און אדרבה, זרוע איז דער עיקר, און קדקד איז "אף", - ווײַל זרוע איז פועל ממש (וכמבואר בקונטרס העבודה, שהפועל ממש הוא העיקר), וואס דאס איז דער של יד, און ס'איז כנגד הלב, און ערשט דערנאך לײגט מען דעם של ראש; און דער עיקר פועל'ט מען ע"י הזרוע,

און בא די בני גד, (ווײַבאלד אזוי איז געווען עבודתם ברוחניות), איז אזוי אויך געווען בגשמיות, אז עס איז אראפ בפועל באם שונא זרוע אף קדקד - בבת אחת,

און דאס איז ניט נאר אן ענין אין אגדה, נאר ס'איז א הלכה אין הלכות קטנות להרא"ש - דאס וואס ס'ברענגט זיך ניט אין טור ושו"ע, איז, ווײַלע אין שו"ע ברענגט זיך בכלל ניט קײן דינים פון מלחמה -.

עפי"ז איז אויך מובן די שייכות צו וואס ער ברענגט דארט (אין הל' קטנות) אויך אז סח בין תפלה לתפלה חוזר מעורכי המלחמה. והשייכות הוא: ווײַבאלד ס'דארף זײַן טרף זרוע אף קדקד - צוזאמען, איז בשעת מען איז סח (ומפסיק) בין תפלה של יד (זרוע) לתפלה של ראש (קדקד), דארף ער חוזר זײַן, ווײַבאלד דאן וועט עס פעלן אין זײַן נצחון. ווארום בנוגע טרף זרוע אף קדקד, דארף מען אויך תפלין של יד.

[בנוגע "יראו ממך" - איז בעיקר נוגע דער של ראש, וואס אויף דערויף שטײט "וראו כל עמי הארץ וגו' ויראו ממך". (משא"כ די תפלין של יד זײַנען דאך מכוסה, ס'איז נאר לך לאות וכו' - פאסט דאך אויף דעם ניט זאגן וראו כל עמי הארץ וגו').

וואס בא תפלין של ראש זעט דער גוי בגלוי דעם שי"ן און דעם דלי"ת, [און הגם אז דער יו"ד איז אויף'ן של יד, איז מ"מ דער שי"ן מיטן דלי"ת - און כ"ש לויט די דיעה אז דער יו"ד איז אויך אויף'ן של ראש] איז דאך דאס בגלוי (משא"כ של יד שהוא מכוסה).

אמת סאקע - אין תפלין של ראש איז אויך פאראן ענין תפלין של יד (וכמדובר אין פריערדיקע פארברענגענישן (שיחת ש"פ מקץ, תשכ"ח. שיחת יו"ד שבט ש.ז.)) ווארום כמאחז"ל: כ"ז שהוא בין עיניך יהי' שתים. אבער בגלוי פועל'ט דאס דער של ראש (שזה הרי נראה

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 369 הודפס ע"י

אוצר החכמה

נראה - וראו, מהו"כ בתש"י כנ"ל)].

וואס דאס איז דער ענטפער צו די שואלים; אז ס'דאך שוין דורכגעגאנגען י"ב חודש - און צוויי מאל י"ב חודש וואס מ'סטורעמט וועגן תפלין - צי דארף מען נאך-אלץ טאן אין דעם?

איז דער ענטפער אויף דעם:

אדרבה, ואדרבה - דוקא יעצט, דארף מען ערשט טאן אין מבצע תפלין, (נאך מער ווי פריער)! ווארום דאן האט זיך געפאדערט בעיקר - דער ענין פון "יראו ממך", און יעצט שטייט מען אין א מצב וואס מ'דארף אנקומען צו "וטרף זרוע אף קדקד".
ווארום, אילו זכינו - וואלט מען יוצא געווען מיטן "יראו ממך"! און מיט די "מלחמת ששת הימים" וואלט זיך דאס געענדיגט, בשלימות ולתמיד; ווארום עמולס איז געווען דער "יראו ממך", און "נפל פחד היהודים עליהם", און מיט דעם וואלט מען געקענט יוצא-זיין.

וואס איז אבער געווען לפועל? זיי זיינען אנטלאפן - איז מען זיי נאכגעלאפן, און מ'זאגט זיי "אחי אתה"! און מ'בעט זיי מאכן שלום.

איז פאראן פונקט אזא מעשה אין תנ"ך (מ"א כ). [נאר די מלחמה הייסט "של ששת ימים" און דארטן הייסט דאס מלחמה "של שבעת ימים"].

דער תנ"ך דערציילט דארטן א מעשה מיט **אחאב**, אז ער האט געהאט א מלחמה מיט ארם, און ארם האט געהאט א שטארקע מפלה, אז ער האט קיינמאל ניט געטראכט אז ער וועט האבן א תקומה.

איז אחאב עם נאכגעלאפן און האט עם געזאגט אז "אחי אתה"! און ער האט אים געבעטן קומען און זיצן מיט עם אויף איין טיש; און מ'האט איינגעשמועסט ארם'ען אז מ'וויל מיט עם זיין בשלום.

ס'זיינען באם מלך ארם געווען יועצים, און זיי האבן עם איינגערעדט אז אידן זיינען רחמנים און גומלי חסדים, ובמילא וועלן זיי טאקע מאכן שלום.

מלך ארם ווייס דאך אבער אז ס'קען ניט זיין, ווארום ער ווייס דאך אז ער איז (אחאב'ען) א שונא מות, און כמים הפנים לפנים כן לב אדם לאדם,

מ'האט עם אבער אזוי פיל איינגערעדט ביז אז ער האט זיך געלאזט איינרעדן, און ער האט געזאגט: "אפשר טאקע? וועט מען פרובירן!" און ער האט געשיקט שלוחים - און "אהא! ס'האט מצליח געווען!".

(ולתקופת השנה איז ער ווידער געקומען וכו'), און פון דעם איז שפעטער ארויסגעקומען די אלע צרות.

און דאס איז א הוראה פון תנ"ך. [ווארום תנ"ך איז דאך ניט קיין סיפורי מעשיות. - און ווי ער זאגט אין זהר אויף דעם א מורא'דיקן ווארט - אויף קיין אידן געדאכט - ].

ס'איז א הוראה לפועל פון א פשוט'ן תנ"ך (ניט פון א מהר"ם שי"ף): אז מאמער ס'וועט ווייטער זיין אזא מעשה, זאל מען וויסן

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 370 הודפס ע"י א